# א גריס פון בית פיגא

פרשת שמיני

כ"ח ניסן תשפ"א

יאר 1 גליון 20

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - פייגי שארף

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז אונזער משפחה זאל זיין פסח אין שטעטל, און ש'כח אייבערשטער אז איין טאג חול המעוד זענען אונז געפארן!

### ערשטע קלאס - שיינדי יאקאבאוויטש

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן א שיינע העדבענד, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען א שיינע העדבענד!

### צווייטע קלאס - דבורי לעווי

איך האב נישט געקענט טרעפן מיין גלאו, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שוין טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!

### פערדע קלאס - חי שרי יאקאבאוויטש

מיר זענען ערגעץ געגאנגען חול המעוד, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיין ווייניג מענטשן, איך האבן נישט ליב ווען עס קומען אסאך מענטשן, און ש'כח אייבערשטער אז עס איז געווען ווייניג מענטשן!

### עלטסטע קלאס -מירי מזרחי

איך האב געדארפט נייע שיך, אבער איך האב נישט געוואלט צאלן קיין געלט פאר עס, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען שיך וואס האט נישט געקאסט קיין איין דאללער!

### בית פיגא ליבערטי - רייזי וועבערמאן

פסח ווען איך האב געגעסן די מצה האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מיין אויער זאל זיך אויסהיילן, ווייל מצה היילט אויס, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך שוין אויסגעהיילט!

## נייעס אין בית פיגא

עס איז ב"ה אריבער זייער א הערליכע יום טוב פסח, און אלע מיידלעך זענען אזוי פרייליך אז מען איז שוין צוריקגעקומען אין סקול! לאמיר אביסל דערציילן:

אין שטעטל סקול איז דא א פרייליכע שפיל צימער, ווי אלע מיידלעך האבן אזוי ליב צו גיין! עס איז דא דארט טויס און געימס צו שפילן, און עס איז אסאך פאן צו זיין דארט. אלע מיידלעך ווייסן אז דארטן שפילט מען נאר באחדות, יעדער איינער צוזאמען, ספעציעל יעצט אין די טעג פון ספירה!

די וואך דינסטאג האט צווייטע קלאס געמאכט א סיום אויף נאך א חלק אין זייער עברי ספר! די טיטשער האט געברענגט גוטע נאש און עס אויסגעטיילט פאר אלע מיידלעך, ב"ה אלע מיידלעך קענען אזוי גוט!

די וואך דאנערשטאג האט ערשטע קלאס געענדיגט לערנען אלע ABC's! ב"ה אלע מיידלעך קענען אזוי גוט, ווייל זיי הערן זיך צו אזוי שיין און דרך ארץ'דיג צו זייער טיטשער!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך בעט דיר זייער זאלסט נישט רעדן צו מיידלעך פון בחורים; עס איז נישט קיין קלוגע זאך דאס וואס מען שמועסט צווישן זיך 'ווער איז דיין שידוך'; עס קען ארויסקומען פון דעם אסאך פראבלעמען.

ווייז דעם בריוו פאר אלע וואס פאררופן זיך תלמידות; זיי זאלן וויסן אז זיי מאכן מיר צער מיט דעם וואס זיי רעדן צווישן זיך וועגן בחורים.

אז עס פאלט ביי פאר א מיידל א שידוך דארף זי גיין רעדן צו די מנהלת אדער טיטשער, אדער קען זי דאס דורכרעדן מיט אירע עלטערן, אבער סתם פלוידערן צווישן זיך איז נישט גוט, עס מאכט מיר צער.

איך האב זיך מוסר נפש געווען צו עפענען די סקול, איך וויל זען ביי אייך דערוואקסנקייט.

בעזרת ה' יתברך

**... תחי'.**

איך בעט דיר זייער, זיי שטארק, זיי פריילך.

זארג נישט פאר דיין שידוך; איין זאך זאלסטו טון, בעטן דעם אייבערשטן פאר א גרינגע שיינע זיסע לעבן, פאר אן ערליכער מאן און ערליכע קינדער.

זארג נישט, דו וועסט חתונה האבן.

# א מעשה פון א צדיקת

עס איז אמאל געווען זייער א רייכע מענטש וואס מען האט גערופן כלבא שבוא. ער איז געווען די רייכסטע מענטש פון זיין שטאט. ער פלעגט געבן זייער אסאך געלט פאר צדקה, און אויסגעטיילט עסן פאר אלע ארימעלייט. ער האט געהאט איין איינציגסטע טאכטער, וואס האט געהייסן רחל, זי איז געווען זייער א שיינע און ערליכע מיידל.

ווען רחל איז עלטער געווארן, האט איר טאטע אנגעהויבן זוכן א שידוך פאר איר. ער האט געזוכט די בעסטע און ערליכסטע בחור פאר זיין איינציגסטע, געלונגענע טאכטער. זי האט אבער געוואלט חתונה האבן צו איינע פון איר טאטע'ס פאסטוכער, אן ארימע בחור וואס האט געהייסן עקיבא. עקיבא האט געהאט זייער גוטע מידות, אבער ער איז געווען אן עם הארץ, ער האט נישט געקענט לערנען. רחל האט אים געפרעגט צו ער וואלט געוואלט לערנען תורה, האט ער געענטפערט אז יא, נאר ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט די געלעגענהייט צו לערנען.

כלבא שבוע איז געווארן זייער ברוגז ווען ער האט געהערט אז זיין איינציגסטע טאכטער, וויל חתונה האבן מיט אן ארימע, פשוטע בחור, אבער רחל האט זייער שטארק געוואלט חתונה האבן מיט אים, און זי האט געטון די שידוך לשם שמים אן איר טאטע'ס רשות.




כלבא שבוא איז געווארן זייער ברוגז אויף רחל, און ער האט געמאכט א נדר אז ער וועט איר מער נישט געבן קיין איין פעני פון זיין גאנצע פארמעגן! ער האט איר ארויסגעווארפן פון זיין הויז, און זי איז געגאנגען וואוינען מיט איר מאן עקיבא ביים עק פון שטאט אין א קליינע הייזקעלע ממש אן גארנישט.

רחל איז געווען זייער א געטרייע ווייב, און זי האט זייער שטארק געוואלט אז איר מאן זאל טאקע גיין לערנען די הייליגע תורה. זי האט אבער געוואוסט אז מוטשענען איר מאן און אים זאגן "גיי לערן", אי נישט די וועג. זי האט אים שטענדיג מחזק געווען אז תורה איז אזוי חשוב און הייליג, און אפשר זאל ער פרובירן צו לערנען, אבער עקיבא האט געזאגט "איך בין שוין אזוי אלט, און איך קען נאך אפילו נישט די א-ב, זאל איך יעצט ביי די 40 יאר אנהויבן לערנען?" אבער רחל האט זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איר מאן זאל לערנען די הייליגע תורה. זי פלעגט בעטן ביי די לעכט, **"באשעפער העלף מיין מאן זאל לערנען תורה און זיין א גרויסע תלמיד חכם."**

פארזעצונג קומט אי"ה

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... חוי'

איך מוז דיר שרייבן, ווייל איך האב אזוי הנאה די לעצטע פאר טעג פון דיין הערליכע דאווענען! דו מאכסט די גאנצע קלאס דאווענען לעבעדיג! אויך האב איך זייער ליב דיין גוטע באנעמונג ביי אלעס, ביים טאנצן, און עקסערסייז, אויך ביי נייען האלטסו אזוי שיין מיט. אפילו דו האסט געדארפט עפענען אסאך, ביסטו נישט געווארן אומגעדולדיג. דאס איז די וויכטיגסטע זאך ביים נייען, צו האבן געדולד. נישט נאר ביי נייען, נאר די גאנצע לעבן מוז מען האבן געדולד צו אנדערע מענטשן, נישט ווערן אויפגערעגט אדער נערוועז, נאר בלייבן רואיג און פרייליך, נישט קיין חילוק וואס!

האלט ווייטער אן דיין גוטע באנעמונג!

מיט ליבשאפט,

[signature]

## רעסעפי

**Best brownies**

1 stick margarine



1 ½ c sugar

2 eggs

¾ c cocoa

¼ tsp salt

¼ tsp baking soda

9 oz chocolate chips

Preheat oven 350°. Mix all ingredients besides the chocolate chips. Add chocolate chips. Place batter into 9x13. bake for 20-25 minutes. Yield 20-24 squares.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

## ספר המדות ווינקל

**אות אכילה**

**טז. כַּעַס וּזְנוּת שֶׁל אִשָּׁה מַחֲרִיב אֶת הַבַּיִת.**

ווען א פרוי איז אויפגערעגט און זינדיגט מאכט זי חרוב איר שטוב.

**א. לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן.**

פאר עבודת השם איז בעסער צו וואוינען אויף א הויכע שטאק ווי אויף א נידריגע.



## קוואל פון חיזוק

212-444-9169

ווען הייבט זיך אן חינוך???

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,102

## א גוט שבת!



זמן שבת: 7:14

זמן מוצש"ק:

8:43